**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19

***גאווערנער ערמוטיגט ניו יארקער צו פארזעצן צו נוצן די כלים צו באשיצן פון און באהאנדלען קאוויד-19: וואקסינען, בוסטערס, טעסטינג און באהאנדלונג***

***26 טויטפעלער באריכטעט נעכטן איבערן סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן פאר ניו יארקער די לעצטע נייעס איבער די סטעיט'ס פארשריט מיטן באקעמפן קאוויד-19 און די פלאן צו באשיצן קעגן די פארשפרייטונג פון אטעמען-רער אינפעקציע ווירוס וועלכע ווערן מער אפט אין די הערבסט און ווינטער סעזאנען.

"איך דערמאן אלע ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם און פארזעצן צו אויסנוצן די כלים וואס מיר האבן צו האלטן זיך אליין, זייערע באליבטע און זייערע קאמיוניטיס זיכער און געזונט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מאכט זיכער צו בלייבן צייטליך מיט די וואקסין דאזעס און זיך צו טעסטן בעפארן גיין צו פארזאמלונגען אדער אויף רייזעס. אויב איר טעסט פאזיטיוו, רעדט מיט אייער דאקטאר איבער פאטענציעלע באהאנדלונג אפציעס."

גאווערנער האקול [מוטיגט] איך ניו יארקער צו אונטערנעמען די באקאנטע פארמיידונג מאסנאמען – ווי בלייבן צייטליך מיט וואקסינען און היטן אויף ריינקייט – זיך צו באשיצן פון די רעספירעטאָרי סינסישעל ווירוס (Respiratory Syncytial Virus, RSV), די פלוּ און קאוויד-19 און צו רעדוצירן די לאסט פון פאציענטן אויף לאקאלע שפיטעלער. די פלוּ פארשפרייט זיך שנעלערהייט, מיט די צאל פון [לאבארעטאריע-באשטעטיגטע פעלער איבערן סטעיט] און האספיטאליזאציעס עקספלאדירנדיג לעצטנס.

גאווערנער האקול איז ארויסגעקומען בעפאר מיט א [פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין] ווייזנדיג ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער דר. מערי ט. באסעט רעדנדיג דירעקט צו ניו יארקער איבער דריי ווירוסן – RSV, די פלוּ און קאוויד-19 – וועלכע דרייען זיך יעצט ארום אין די סטעיט מיט ענליכע סימפטאמען איינער צו אנדערן און די פאטענציאל צו פאראורזאכן ערנסטע קראנקהייט. די ווידעאוס וואס זענען פראדוצירט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט רעכענען אריין א [קורצע קליפ] און א [לענגערע גירסא] וואס ווענדט זיך צו עלטערן; און א גירסא וואס ציהלט ספעציפיש [העלט קעיר פראפעסיאנאלן].

גאווערנער האקול זעצט פאר צו דערמאנען ניו יארקער אז קינדער פון 5 יאר און עלטער קענען יעצט באקומען די ['בייוועילענט' בוסטער שאָט] וועלכע זענען רעקאמענדירט צו פארמערן די שוץ קעגן קאוויד-19.

דער גאווערנער מוטיגט אויך ניו יארקער צו באקומען זייערע 'ביוועילענט' קאוויד-19 וואקסין בוסטערס. צו מאכן אן אפוינטמענט פאר א בוסטער, זאלן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע פארמאסי, קאונטי העלט דעפארטמענט אדער מיט א דאקטאר; באזוכן vaccines.gov; שיקן א טעקסט מעסעדזש מיט זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע לאקאציעס.

אין צוגאב, מוטיגט גאווערנער האקול ניו יארקער צו באקומען זייער יערליכן פלו וואקסין אזוי ווי די פלו סעזאן איז שוין ברייט פארשפרייט ארום ניו יארק סטעיט. דער פלו ווירוס און דער ווירוס וואס ברענגט קאוויד-19 דרייען זיך ביידע ארום, און דערפאר איז דאס וואקסינירט ווערן קעגן ביידע די בעסטע וועג צו בלייבן געזונט און פארמיידן פון די העלט קעיר סיסטעם צו ווערן איבערגעשטרענגט.

די סטעיט העלט דעפארטמענט זעצט פאר איר יערליכע פובליק אויפקלערונג קאמפיין צו דערמאנען ערוואקסענע און עלטערן צו באקומען סיי די פלו און די קאוויד-19 שאָט פאר זיך אליין און פאר קינדער פון 6 חודשים און עלטער. אדווערטייזמענטס אין ענגליש און אין ספאַניש האבן אנגעהויבן לויפן לעצטער חודש.
פאר אינפארמאציע איבער פלו וואקסין קליניקס, פארבינדט אייך מיט די לאקאלע העלט דעפארטמענט אדער באזוכט vaccines.gov/find-vaccines.

די היינטיגע ציפערן ווערן אונטן איבערגעגעבן אין קורצן:

- **פעלער פער 100,000** - 38.97
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פעלער פער 100,000** - 22.50
- **טעסט רעזולטאטן באריכטעט** - 92,560
- **סך הכל פאזיטיוו** - 7,615
- **פראצענט פאזיטיוו** - 7.46%**
- **7-טאגיגע דורכשניט פון פראצענט פאזיטיוו** - 7.53%**
- **פאציענטן האספיטאליזירט** - 3,311 (+18)
- **נייע פאציענטן אין שפיטאל** - 554
- **פאציענטן אין ICU** - 289 (+1)
- **פאציענטן אין ICU מיט אינטובאציע** - 115 (0)
- **סך הכל באפרייטע פאציענטן** - 367,721 (+493)
- **נייע טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 26
- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט דורך HERDS דורך העלטקעיר אנשטאלטן** - 59,491

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס (Department of Health and Human Services, HHS) און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

די געזונטהייט עלעקטראנישע אנטווארט ציפערן סיסטעם ( Health Electronic Response Data System, HERDS) איז א מקור פון ציפערן פון די NYS DOH וואס זאמלט ציפערן איבער באשטעטיגטע טעגליכע טויטפעלער, נאר די וואס ווערן באריכטעט דורך שפיטעלער, נוירסינג היימער און מושב זקנים אנשטאלטן.

**וויכטיגע באמערקונג:** אנגעהויבן מאנטאג, אפריל 4, פארלאנגט מער נישט דער פעדעראלער דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס (HHS) פאר טעסטינג איינריכטונגען וועלכע ניצן

קאָוויד-19 שנעלע-אנטידזשען טעסטס צו באריכטן נעגאטיווע רעזולטאטן. אלס רעזולטאט, וועלן ניו יארק סטעיט׳ס פראצענט פאזיטיווע ציפערן אויסגערעכנט ווערן נאר מיט לאבאראטאריע-באריכטעטע PCR רעזולטאטן. פאזיטיווע אנטידזשען טעסטס וועלן נאכאלץ באריכטעט ווערן צו ניו יארק סטעיט, און די באריכטונג פון נייע טעגליכע פעלער און פעלער פער 100 טויזנט מענטשן וועלן פארזעצן ארייננצורעכענען סיי PCR און סיי אנטידזשען טעסטס. צוליב די טויש און צוליב אנדערע חשבונות, אריינרעכענענדיג ענדערונגען אין טעסטינג כללים, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

- **סך הכל טויטפעלער באריכטעט צו און געזאמלט דורך די CDC** - 75,856

די טעגליכע קאוויד-19 טויט סערטיפיקאט ציפערן וועלכע ווערן באריכטעט דורך די NYS DOH און דורך NYC צו די CDC רעכענען אריין די וועלכע שטארבן אין סיי וועלכע ארט, אריינרעכענענדיג שפיטעלער, נויריסינג היימער, מושב זקנים אנשטאלטן, אינדערהיים, אין האספיס קעיר אדער אין אנדערע פלעצער.

יעדע ראיאן'ס 7-טאגיגע דורכשניט פון ווירוס פעלער פער 100,000 מענטשן איז ווי פאלגנד:

| **ראיאן** | **מאנטאג, נאוועמבער 28, 2022** | **דינסטאג, נאוועמבער 29, 2022** | **מיטוואך, נאוועמבער 30, 2022** |
|---|---|---|---|
| Capital Region | 8.82 | 9.57 | 10.67 |
| Central New York | 6.58 | 7.24 | 7.59 |
| Finger Lakes | 8.22 | 8.15 | 9.25 |
| Long Island | 23.93 | 29.27 | 31.83 |
| Mid-Hudson | 19.19 | 21.27 | 23.07 |
| Mohawk Valley | 7.39 | 7.65 | 8.36 |
| New York City | 23.60 | 26.69 | 28.38 |
| North Country | 7.33 | 7.67 | 9.55 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| Southern Tier | 11.49 | 11.85 | 14.15 |
| Western New York | 7.13 | 7.80 | 8.61 |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **18.37** | **20.86** | **22.50** |

די 7-טאגיגע דורכשניטליכע פראצענט פון פאזיטיווע טעסט רעזולטאטן פאר יעדע ראיאן באריכטעט איבער די לעצטע דריי טעג איז ווי פאלגנד**:

| **ראיאן** | **מאנטאג, נאוועמבער 28, 2022** | **דינסטאג, נאוועמבער 29, 2022** | **מיטוואך, נאוועמבער 30, 2022** |
|---|---|---|---|
| Capital Region | 5.23% | 5.38% | 5.60% |
| Central New York | 3.56% | 3.62% | 3.62% |
| Finger Lakes | 4.22% | 4.25% | 4.51% |
| Long Island | 7.84% | 8.27% | 8.51% |
| Mid-Hudson | 7.58% | 7.92% | 8.19% |
| Mohawk Valley | 4.33% | 4.28% | 4.05% |
| New York City | 7.87% | 8.09% | 8.16% |
| North Country | 4.55% | 4.50% | 5.33% |
| Southern Tier | 5.99% | 5.21% | 5.69% |

| | | | |
|---|---|---|---|
| Western New York | 6.19% | 6.44% | 6.57% |
| **אין די גאנצע סטעיט** | **7.17%** | **7.37%** | **7.53%** |

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס (Department of Health and Human Services, HHS) און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

די 7-טאגיגע דורכשניטליכע פראצענט פון פאזיטיווע טעסט רעזולטאטן אין יעדע באראו פון ניו יארק סיטי באריכטעט איבער די לעצטע דריי טעג איז ווי פאלגנד **:

| **באראו אין NYC** | **מאנטאג, נאוועמבער 28, 2022** | **דינסטאג, נאוועמבער 29, 2022** | **מיטוואך, נאוועמבער 30, 2022** |
|---|---|---|---|
| Bronx | 7.70% | 7.75% | 8.12% |
| Kings | 7.61% | 7.91% | 7.91% |
| New York | 7.50% | 7.57% | 7.62% |
| Queens | 8.70% | 9.05% | 9.11% |
| Richmond | 7.17% | 7.24% | 7.12% |

** צוליב די טעסט באריכטונג פאליסי ענדערונג דורך די פעדעראלע דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס (Department of Health and Human Services, HHS) און צוליב אנדערע חשבונות, איז די מערסט פארלעסליכע ציפער צו מעסטן די פארשפרייטקייט פון דעם ווירוס אין א קאמיוניטי איז די פעלער פער 100,000 ציפער און נישט פראצענט פאזיטיוו.

נעכטן האבן 7,615 ניו יארקער געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 אין ניו יארק סטעיט, ברענגנדיג די סך הכל פעלער צו 6,286,857. די געאגראפישע צוטיילונג איז ווי פאלגנד:

| **קאונטי** | **סך הכל פאזיטיוו** | **נייע פאזיטיוו** |
|---|---|---|

| | | |
|---|---|---|
| 54 | 75,714 | Albany |
| 4 | 10,432 | Allegany |
| 72 | 56,456 | Broome |
| 9 | 18,686 | Cattaraugus |
| 6 | 19,684 | Cayuga |
| 8 | 28,448 | Chautauqua |
| 30 | 25,868 | Chemung |
| 13 | 11,445 | Chenango |
| 28 | 21,585 | Clinton |
| 9 | 13,148 | Columbia |
| 11 | 12,865 | Cortland |
| 4 | 9,714 | Delaware |
| 97 | 80,337 | Dutchess |
| 138 | 259,756 | Erie |
| 5 | 7,355 | Essex |
| 6 | 11,697 | Franklin |
| 18 | 16,000 | Fulton |

| | | |
|---|---|---|
| 9 | 16,075 | Genesee |
| 7 | 10,450 | Greene |
| 2 | 1,057 | Hamilton |
| 8 | 16,892 | Herkimer |
| 31 | 25,751 | Jefferson |
| 5 | 7,092 | Lewis |
| 11 | 13,917 | Livingston |
| 11 | 16,274 | Madison |
| 136 | 184,915 | Monroe |
| 5 | 14,519 | Montgomery |
| 829 | 519,298 | Nassau |
| 25 | 57,707 | Niagara |
| 3,996 | 2,928,330 | NYC |
| 25 | 66,601 | Oneida |
| 56 | 138,017 | Onondaga |
| 23 | 25,076 | Ontario |
| 127 | 131,804 | Orange |

| | | |
|---|---|---|
| 5 | 10,178 | Orleans |
| 21 | 33,317 | Oswego |
| 9 | 12,769 | Otsego |
| 33 | 29,886 | Putnam |
| 40 | 40,279 | Rensselaer |
| 200 | 112,901 | Rockland |
| 39 | 59,188 | Saratoga |
| 33 | 42,013 | Schenectady |
| 5 | 6,333 | Schoharie |
| 3 | 4,226 | Schuyler |
| 3 | 7,356 | Seneca |
| 13 | 25,557 | St. Lawrence |
| 26 | 24,517 | Steuben |
| 861 | 536,109 | Suffolk |
| 21 | 23,336 | Sullivan |
| 10 | 13,576 | Tioga |
| 31 | 25,600 | Tompkins |

| | | |
|---|---|---|
| Ulster | 40,925 | 32 |
| Warren | 18,094 | 20 |
| Washington | 15,118 | 11 |
| Wayne | 21,089 | 14 |
| Westchester | 317,526 | 359 |
| Wyoming | 9,701 | 3 |
| Yates | 4,298 | 5 |

פאלגנד זענען די ציפערן וועלכע ווייזן וויפיל האספיטאליזירטע מענטשן וועלכע האבן געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 זענען האספיטאליזירט געווארן צוליב קאוויד-19/קאוויד-19 קאמפליקאציעס און וויפיל זענען האספיטאליזירט געווארן פאר פראבלעמען נישט פארבינדן צו קאוויד-19:

| ראיאן | קאוויד-19 פאציענטן יעצט האספיטאליזירט | האספיטאליזירט צוליב קאוויד אדער קאמפליקאציעס פון קאוויד | פראצענט האספיטאליזירט צוליב קאוויד אדער קאמפליקאציעס פון קאוויד | האספיטאליזירט ווען קאוויד איז נישט אריינגערעכנט געווארן אלץ איינע פון די סיבות פאר האספיטאליזאציע | פראצענט האספיטאליזירט ווען קאוויד איז נישט אריינגערעכנט געווארן אלץ איינע פון די סיבות פאר האספיטאליזאציע |
|---|---|---|---|---|---|
| Capital Region | 105 | 68 | 64.8% | 37 | 35.2% |
| Central | 64 | 35 | 54.7% | 29 | 45.3% |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | New York |
| 76.5% | 215 | 23.5% | 66 | 281 | Finger Lakes |
| 53.4% | 356 | 46.6% | 311 | 667 | Long Island |
| 57.8% | 212 | 42.2% | 155 | 367 | Mid-Hudson |
| 28.6% | 8 | 71.4% | 20 | 28 | Mohawk Valley |
| 59.0% | 906 | 41.0% | 630 | 1,536 | New York City |
| 50.0% | 21 | 50.0% | 21 | 42 | North Country |
| 62.0% | 49 | 38.0% | 30 | 79 | Southern Tier |
| 65.5% | 93 | 34.5% | 49 | 142 | Western New York |
| 58.2% | 1,926 | 41.8% | 1,385 | 3,311 | **אין די גאנצע סטעיט** |

דער אָמיקראָן וואריאנט פארטרעט איצט איבער 95 פראצענט פון די ווירוסען וואס פארשפרייטן זיך. פאר מער אינפארמאציע איבער וואריאנט נאכשפירן, ביטע באזוכט דא: [קאוויד-19 וואריאנט ציפערן | העלט דעפּארטמענט (ny.gov).]

נעכטן זענען 26 נייע טויטפעלער צוליב קאוויד-19 באריכטעט געווארן, ברענגענדיג דעם סך הכל צו 59,491. א געאגראפישע צוטיילונג לויט דער קאונטי וואו די מענטשן האבן געוואוינט איז ווי פאלגנד:

| קאונטי | נייע טויטפעלער |
| --- | --- |
| Bronx | 3 |
| Erie | 2 |
| Greene | 1 |
| Kings | 4 |
| Monroe | 2 |
| Nassau | 6 |
| New York | 1 |
| Queens | 4 |
| Suffolk | 1 |
| Warren | 1 |
| Westchester | 1 |
| **אלעס צוזאמען** | **26** |

ניו יארקער וועלכע ווילן באשטימען א צייט פאר וואקסין אפוינטמענטס פאר 5 ביז 11-יעריגע קינדער ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינד'ס דאקטאר, פאמיליע דאקטאר, קאונטי העלט דעפּארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס ( Federally Qualified Health Centers, FQHCs), רורעל העלט צענטערס, אדער פאַרמאַסיס וועלכע קענען גיבן דעם וואקסין פאר קינדער אין די גרופּע. עלטערן און גאַרדיענס קענען באזוכן [vaccines.gov], טעקסטן זייער זיפּ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז די וואקסינאציע פלאץ שטעלט צו די פייזער-בייאָוענטעק קאוויד-19 וואקסין, וויבאלד די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען יעצט נאכנישט אויטאריזירט פאר קינדער אין די עלטער.

באזוכט אונזער [וועבזייטל] פאר עלטערן און גאַרדיענס מיט נייע אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און ענטפערס און מיט נאך מיטלען ספּעציעל געמאכט פאר עלטערן און גאַרדיענס פון קינדער אין די עלטער.

###